בס"ד

# דער בלאט

## ערב סוכות י"ד תשרי, תשס"ה,

**ולמספרם סעפטעמבער 29 - 04**

# הקלף

## המכשולות הגדולות על

## הקלף בארץ ישראל

**נתגלה על ידי הרהגה"צ של העדה החרדית בירושלים עיה"ק – קול קורא מ' 86 גדולי ישראל בפוילן – ליטע – רוסלאנד בשנת תרצ"ה שאסור לקנות קלף בלי הכשר – כל אחד מישראל שיש לו רק זיק של יראת שמים מחפש לרכוש לו תפילין ומזוזות חדשים עם קלף כשר, על ידי סופר ירא שמים באמת.**

# עסקנים דערציטערט פון פרישע עדות'שאפט איבער מכשולות ביי פארמעט אינדוסטריע

**קול קורא פון 86 גדולי ישראל אין פוילן-ליטע-רוסלאנד שנת תרצ"ה פאדערט השגחה אויף פארמעט - וואכזאמקייט איבער כשרות פון פארמעט הערשט ביים ציבור בשעת באשטעלונג פון סת"ם**

ברוקלין, נ.י. - די עסקנים איבער די אנגייענדע פראבלעם פון קלף לצרכי סת"ם, זענען אין די טעג אויפגעשוידערט געווארן, דערוויסנדיג זיך פון א פרישע איינצלהייט איבער דעם שרעקליך נאכגעלאזטן מצב, וואס הערשט לגבי די פארמעט פאבריקן אין ארץ ישראל; עס איז פעסטגעשטעלט געווארן, אז לײדער פיל היימישע אידן יראים וחרדים לדבר ה' וואס זענען מדקדק בקלה כבחמורה, באנוצן זיך מיט תפלין און מזוזות, געשריבן אויף פארמעט וואס איז אויסגעארבעט אין פרייע פאבריקן, אן קיין שום השגחה!!!

עס איז שוין א שטיק צייט וואס געטרייע עסקנים, מיט א ריינעם ציל, האבן זיך ארייגעלייגט אינעם ענין פון עיבוד עורות לצרכי סת"ם; צו דערוויסן זיך איבער די קלארע פאקטן וויאזוי עס ווערן אויסגעארבייט די עורות צו נוצן פאר סת"ם, צי זיי זענען כשר געמאכט, אדער זענען פאראן פקפוקים אויף זייער כשרות. די טרויעריגע פאקטן האבן נישט פארשפעטיגט צו קומען, ליידער, איז מען געוואויר געווארן אז דער מצב איז נישט גוט. און וואס א טאג

(פארזעצונג אויף זייט 130)

# עסקנים דערציטערט פון פרישע עדות׳שאפט איבער מכשולות ביי פארמעט אינדוסטריע

(פארזעצונג פון זייט 11)

דערוויסט מען זיך מער און מער איינצלהייטן, וועלכע שוידערן אויף יעדן ערליכן איד.

אין ליכט פון די דאזיגע אויפדעקונגען זענען די עסקנים געקומען צו א מסקנא, אז מ׳דארף מאכן א געוואלד, שרייען און אויסרופן פאר די וועלט: אידן, די קלף איז נישט ווי עס געהער צו זיין! אידן, אויב ווילט איר נוצן קלף פאר אייערע צרכי סת״ם, זאלט איר עס נעמען בלויז מיט א השגחה פון אן ערליכן רב! - ווייל אנדערש קען מען נישט נוצן קיין קלף.

איצט איז נאך מער פארשארפט געווארן דער געוואלד געשריי, נאכדעם וואס א חשוב׳ער רב שליט״א איז ארויסגעקומען מיט אן אויפדעקונג, איבער א מעשה אשר לא יעשה, וואס ער האט אליין בייגעוואוינט. אט ווי פאלגנד:

הרה״ג ר׳ מרדכי פרידלאנדער שליט״א, חבר ״ועד הרבנים דמשמרת סת״ם״ אין ירושלים, - א גרויסער תלמיד חכם און בקי בהלכה, בפרט בעניני סת״ם, ביי וועמען פיל סופרים זענען דורכגעגאנגען דעם פארהער איידער׳ן זיך נעמען צו דער מלאכת הכתיבה - איז איינגעלאדנט געווארן דורכ׳ן בעל הבית פון א גרויסע פירמע, וועלכע פארקויפט פארמעט אויפ׳ן היימישן מארקעט, און ארבעט אויס איר פעל ביי א באקאנטן פאבריק אין ״פתח תקוה״. דער היימישער בעה״ב האט אראפגערופן די רבנים שליט״א זאלן קומען באזוכן אינעם פאבריק - א פאבריק וועלכע ווערט באנוצט דורך נאך פיל אנדערע פארמעט פירמעס - כדי זיך צו איבערצייגן און זען מיט די אייגענע אויגן ווי גוט ס׳איז דער סיסטעם אין יענעם פאבריק, און ווי אויסגעהאלטן זייערע קלפים ווערן געמאכט.

צו זיין ערשטוינונג און צום ערשטוינונג פון די אנדערע אנוועזנדע רבנים, איז ער געוואר געווארן דארט פונקט דאס פארקערטע - רחמנא ליצלן!!!.

וואס האט פאסירט?

פארנט פון זייערע אויגן איז דער בעל הבית פונעם פאבריק, א פרייער איד, א מחלל שבת ויום הכפורים רח״ל, צוגעגאנגען צום פאס פון קאלך, וואו די עורות ווערן געווייקט, ער האט ארויסגענומען א פעלעכל, באקוקט צי ס׳האט גוט אויפגעכאפט די קאלך, און - נישט מער נישט ווייניגער - עס צוריק אריינגעווארפן אין פאס צוזאמען מיט אלע אנדערע עורות!!! - ד.ה. אז איין פעלכל איז דארט געווארן אויסגעארבעט שלא לשמה.

נאך מער ווי דאס, אזא אקט קען לויט טייל פוסקים אסר׳ן דעם גאנצן פאס פון עורות, ווייל מ׳קען נישט דערקענען וועלכעס שטיקל פעל ס׳איז ארויסגענומען געווארן און צוריק אריינגעלייגט געווארן שלא לשמה. (כדי צו פארפולקאמען די געוואלד געשריי, וועלן מיר אנצייכענען עטליכע מראי מקומות אין הלכה, ומשם תדרשנו: מש״כ הרא״ש (הלכות ס״ת סי׳ ג׳) דרגע אחד ציית לא קאי אלא אגוי, ולא אכותי. וכמ״ש שהביא שם מגמ׳ דימול גוי ואל ימול כותי. ודעת הפוסקים בטעמא דסגי בגומר גוי, הוא או מטעם דסתמא לשמה, או מטעם דהעיבוד נעשה ממילא. ולדעת שניהם פסול באם הוציא הגוי והחזיר שלא ע״ד ישראל, וכ״ש אפיקורס דאינו עושה ע״ד ישראל, וכמ״ש הרא״ש. וכאן עוד גרע כי אולי עדיין לא התחיל העיבוד כלל. ודעת הגרעק״א (ח״ד הנדמ״ח סי׳ ס״ג), ומחנה חיים (ח״ו סי׳ ס׳), וכ״כ באור שמח (הל׳ ציצית), ובשו״ת עונג יו״ט

(סי׳ ד׳), דחוט שנטווה שלא לשמה אינו בטל בחוטין שנטוו לשמה, ולכאורה ה״ה כאן.)

## עדות׳שאפט איבער דעם מכשול

אט איז דער ארגיאנאלער לשון און עדות׳שאפט פון הרה״ג הנ״ל:

״...והנה מקום אתי לספר לפניכם מעשה שעיני ראו ולא זר, לאחר שנעניתי לדרישה פה ירושלים עיה״ק להצטרף ולילך לבקר מפעל מעבדי עורות יחד עם רבנים גאונים שליט״א, ובמקום זה נמצאו הרבה מעבדי הקלף שהם שמים שם את העורות לתוך בור שיש בו הסיד והחומרים - לשם קדושת סת״ם.

ובהיותינו שם, בא בעה״ב של המפעל שהוא מחלל שבת רח״ל, הגביה אחת מהעורות מתוך הבור שהיו של העורות הכשרים לשמן - במצב של תחילת העיבוד, ואח״כ שם אותה בחזרה להבור. כלומר, נפסק לגמרי ה״לשמה״ של היהורי החרדי ששם אותו לשם קדושתן, בהוצאתו של הבעה״ב. ובס״ד תפשתי את המצב, ומיד בקשתי את העובד שם להוציא אותה מהר, כי עוד רגע והיי׳ העור ההוא שוקע, ונעלם בין העורות.״

[אין אידישע איבערזעצונג:

איך וויל אייך דא פארציילן א מעשה, וואס איך אליין האב בייגעוואוינט, נאכדעם וואס איך בין נאכגעקומען די אויפפאדערונג דא אין ירושלים עיה״ק מיטצוגיין און באזוכן א פאבריק וואו מ׳ארבייט אויס פעל - צוזאמען מיט די רבנים הגאונים שליט״א, וואס אויפן דאזיגן ארט געפינען זיך אסאך מעבדי קלף, וועלכע לייגן דארט אריין די עורות - אינעם גרוב פון קאלך און אנדערע מאטריאלן - לשמה, לשם קדושת ס״ת.

און זייענדיג דארט, איז צוגעקומען דער בעה״ב פונעם פאבריק, א מחלל שבת רח״ל, ער האט אויפגעהויבן איינע פון די פעלכלעך, פונעם גרוב וואו עס זענען געווען די כשר׳ע לשמה פעלכלעך - וועלכע האבן געהאלטן ביים אנהויב פונעם אויסגעארבעט ווערן - און האט עס דערנאך צוריק אריין געלייגט אין גרוב; דאס מיינט, עס האט זיך געגצליך אפגעהאקט דער ״לשמה״ פונעם חרדי׳שן איד, וועלכער האט עס אהין אריינגעלייגט לשם קדושתן, דורך דעם וואס דער בעה״ב האט עס ארויסגענומען פון דארט. - מיט אויבערשטנס הילף האב איך תיכף געכאפט דעם מצב, און כ׳האב באלד געבעטן דעם ארבייטער דארט ער זאל עס שנעל ארויסנעמען, ווייל נאך א מינוט וואלט דאס פעלכל איינגעזינקען אין גרוב, און פארשוואונדן צווישן די אנדערע.]

ער פירט אויס זיין מסקנא, וואס מ׳זעט פון דער מעשה:

״המעשה הנ״ל זעזע אותי בחושבי מי יודע כמה פעמים עלול דבר כזה לחזור על עצמו, בזמן שלא נמצא שם היהודי, או אפילו בפניו כמו שקרה נגד עינינו ממש.״

[די דאזיגע מעשה האט מיך שטארק אויפגעשוידערט, טראכטנדיג, ווער ווייסט וויפיל מאל קען אזא זאך פאסירן ווען קיין חרדי׳שער איד איז נישט דארט, אדער אפילו ווען ס׳איז יא דא דארט א איד - פונקט ווי ס׳האט פאסירט ווען מיר זענען דארט געווען, פארנט פון אונזערע אויגן.]

אבער ערגער פון אלעם איז בלויז דער פאקט, אז אויב האט געקענט פאסירן אזא זאך, וואס לויט אלע פוסקים וואלט עס נישט געטארט פאסירן פרעגט זיך די פראגע, וואס נאך קען אלץ פאסירן און מיר ווייסן ניטאמאל צו מורא האבן דערפון, ה״י?

## די וויכטיגקייט פון האבן א השגחה מעולה

אין אמת׳ן גערעדט, כאטש וואס אפילו די אלע פאבריקאנטן - וועלכע ערצייגן די קלפים - זאלן ווען זיין פונקטליך באקאנט אין אלע הלכות, און מ׳וואלט קלאר געוואוסט אז זיי זענען נזהר אין אלעם וואס ס׳פעלט אויס נזהר-צו-זיין, וואלט עס אויך נישט גענוג געווען צו כשר׳ן די עורות אן קיין ספעציעלע השגחה.

ווייל, אזוי ווי ביי אנדערע אינדוסטריעס פון פלייש און מילך אד״ג, איז א קלארע זאך, דאס אז מ׳טאר זיך נישט פארלאזן אויף די וואס זענען איינגעשטעלט אין די פאבריקן, כאטש זיי זענען אידן יראים ושלימים, און כאטש וואס יעדער וועלכער דארף זיין באהאוונט אין די ספעציפישע הלכות האט זיך פארהערט ביי א רב, וועלכער האט אים געפונען פאר ראוי זיך צו באשעפטיגן אין אזא האקעלע ארבעט, - טראץ דעם אלעם איז דאס נאך ווייניג, מ׳באגענוגנט זיך נישט מיט דעם אליין, נאר מ׳שטעלט אויסער דעם ספעציעלע משגיחים, וועלכע זאלן אכטונג געבן אז אלעס ווערט געטאן כראוי וכיאות.

דער דאזיגער איינשטעל איז נישט קיין חומרא, אדער מדת חסידות, נאר ווערט קלאר פארלאנגט דורכ׳ן רמ״א אין יורה דעה סימן א׳, אז קיינער זאל נישט שחט׳ן קיין פלייש, אן דעם אויפזיכט פון דער קהלה - כדי צו פארזיכערן אז אלעס זאל אייביג זיין אין ארדענונג, און אז אזעלכע וואס זענען נישט געטרויבאר, זאלן זיך נישט אפגעבן דערמיט.

איז דאך כל שכן ביי דער פארמעט אינדוסטרי, וואו טייל מעבדים זענען קיינמאל נישט דורכגעגאנגען קיין פארהער צי זיי זענען באקאנט אין זייערע הלכות, און צי זייער יראת שמים איז אין ארדענונג - איז דאך זיכער זעלבסט פארשטענדליך אז מ׳טאר נישט פאבריצירן, פארקויפן און קויפן, קיין פארמעט אן א השגחה.

ווי געברענגט אין ״דער בלאט״ אין א פריערדיגער נומער, האט כ״ק מרן רביה״ק מסאטמאר זצוק״ל זיך שטארק געשטעלט דערויף, און האט געפאדערט אז ס׳זאל זיין אן עינא פקיחא, אויף אלעמען וואס איז נוגע סת״ם.

איז דאך אבער א קל וחומר בן בנו של קל וחומר אז נאכדעם וואס מ׳הערט אן עדות׳שאפט פון א פראמינענטן רב, בנוגע וואס ס׳האט פאסירט אין איינע פון די פאבריקן אין אונזערע צייטן!!! - אז א מחלל שבת רח״ל האט אריינגעלייגט עורות צו מעבד זיין ה״י - איז דאך אוודאי אז מ׳דארף נזהר זיין, עכ״פ פון היינט און ווייטער, נישט צו קויפן קיין תפלין און מזוזות געשריבן אויף פארמעט אן א השגחה.

מ׳דארף באצייכענען אז אפילו ווען מ׳הערט פון א רב אויף א געוויסן פאבריק אז די בעלי בתים זענען געטרויבאר, מיינט דאס נישט אז דער פאבריק האט א השגחה, און מ׳קען זיך פארלאזן דערויף - עס איז נאך אלץ בעסער מיט א געהעריגע השגחה. און אפילו אויב מ׳זאל מיר איינגיין זיך יא צו פארלאזן אויפן סמך פונעם בעה״ב זעלבסט, ווייל ער איז אן ערליכער, איז מען אבער דערמיט גורם אז די אנדערע פאבריקן זאלן זיך שפירן פריי נישט צו פארלאנגען קיין השגחה, אפלערנענדיג זיך פון די בדומה להם פאבריק,

(פארזעצונג אויף זייט 134)

# עסקנים דערציטערט פון פרישע עדות'שאפט איבער מכשולות ביי פארמעט אינדוסטריע

(פארזעצונג פון זייט 130)

וועלכער האט נישט קיין השגחה - און די דאזיגע אנדערע פאבריקאנטן זענען שוין נישט כדאי אז מ'זאל זיך אויף זיי פארלאזן, און ס'קען זייער שנעל צוקומען צו מכשולות ח"ו - און דער וועלכער איז א גורם דערצו האט א חלק אינעם חטא הרבים, רח"ל.

ווידעראום פארקערט, יעדער וואס פארלאנגט יא דוקא נאר מיט א השגחה, אויסערדעם וואס ער פארדינט פאר זיך, אז ער איז זיכער מיט זיינע תפלין אז זיי זענען כשר, האט ער אויך דעם זכות הרבים, אז דורך דעם וועלן די פאבריקן זיין געצוואונגען אנצונעמען א השגחה מעולה.

## קול קורא פון 86 רבנים אין שנת תרצ"ה

אין צייט וואס דער ציבור יראים וחרדים לדבר ה' ולתורתו האט אנגעהויבן שטיין אויף דער וואך צו פארלאנגען פארמעט אויסדרוקליך מיט א השגחה מעולה, איז זייער אינטרעסאנט און צייטליך צו מעלדן, אז עס עקזיסטירט שוין פונלאנג א "קול קורא" וועלכע אדרעסירט דעם דאזיגן פראבלעם.

דער "קול קורא" איז אויסגערופן געווארן אין יאר תרצ"ה, דורך זעקס און אכציג רבנים, און בתוכם די גדולי הדור אין די לענדער פוילן, ליטא און רוסלאנד", אויפפאדערנדיג דעם ציבור אז מ'זאל נאר קויפן פארמעט וואס האט א השגחה פון א רב וואס וואוינט נאנט צום פאבריק, און קוקט זיך כסדר אום צו זען וואס דארט טוט זיך.

די גדולי ישראל פון יענע תקופה, איידער די צווייטע וועלט-מלחמה, האבן איינגעזען די פראבלעמען וואס שאפן זיך ווען מ'פארלאזט זיך אויף א סוחר, און האבן דערפאר געהאלטן אז די איינציגסטע וועג צו פארזיכערן אז כלל ישראל וועט נישט ווערן אריינגענארט מיט קיין בדיעבד'יגע אדער ח"ו נאך שוואכערע סחורה, נאר זיי וועלן באקומען בלויז כשר'ע תפלין אויסגעהאלטן לרוב הדעות, וועט זיין נאר דורך איינשטעלן א סיסטעם אז רבנים זאלן האבן אן אויפזיכט אויף די סוחרים.

צוליב דעם האבן זיי געגרינדעט אן ארגאניזאציע מיט'ן נאמען "שומרי סת"ם", וואס האט געהאט דעם אויטאריטעט אויסצופירן אלע תיקונים וואס פעלן זיך אויס לגבי אלע ענינים פון סת"ם.

אין סעיף ד' פונעם קול קורא שרייבן זיי ווי פאלגנד:

"שומרי סת"ם תעמוד על המשמר לטכס עצות ולהתענין בדבר עיבוד העורות לקלפים ורצועות, כן בעבודת הבתים, שיהיו מעובדים לשמה, ועפ"י דתוה"ק, לא כמו שהי' עתה בלי שום השגחה. ולהשגיח שיהי' עליהם הכשרים מיוחדים מהרבנים דעירי עבודתם, ושיהיו נאמנים עליהם כראוי ע"פ דתוה"ק."

["די ארגאניזאציע "שומרי סת"ם" וועט זיין אין אמט צו אויספלאנירן פלענער, און זיך צו אינטערעסירן אין דעם ענין פון "עיבוד עורות" פאר פארמעט און רצועות, און אזוי אויך אין דאס גאנצע ארבעט פון מאכן בתים, אז זיי זאלן ווערן געטאן "לשמה", און לויט ווי די תורה פארלאנגט. נישט אזוי ווי ביז היינט וואס די זאכן זענען געטאן געווארן אן קיין שום השגחה. און זיי זאלן אכטונג געבן אז די דאזיגע זאכן זאלן האבן א ספעציעלן הכשר פון די רבנים פון די שטעט וואו זיי ווערן געמאכט, און אז די מאכערס זאלן זיין באגלייבט אויף זייער ארבעט, לויט ווי ס'דארף-צו-זיין לויט די דינים פון דער תורה הק'."]

דער "קול קורא" ווערט צום ערשט אונטערגעשריבן דורך דעם פלונסקער רב זצ"ל בעמח"ס "תירוש ויצהר", און דעם באסקאוויצער רב זצ"ל, וועלכע זענען ווי ס'שיינט, געווען די אנפירערס פון דער ארגאניזאציע און די הויפט אחראים אויף אירע אקטיוויטעטן, און דערנאך דורך די איבריגע רבנים און גדולי ישראל.

דער לשון פון די חתימות איז ווי פאלגענד:

צבי יחזקאל מיכלזאהן בועד הרבנים דפה, צבי הירש פרידלינג אבד"ק באסקאוויץ והגליל.

אגודת הרבנים בפוילן: אברהם מרדכי אלטר מגער; אורי יהושע אשר אלחנן מקאלביעל; אברהם אבאלי ראפפורט אבד"ק קיעלץ והגליל; אברהם יעקב הלוי הורוויץ אבד"ק פראביזנע והגליל; אהרן לעווין אבד"ק רישא והגליל; אברהם משה בהרה"ק זצ"ל מפאלעניץ; אברהם פנחס בהרה"ק מלאמאז זצ"ל; אלימלך שפירא בהרה"ק הרצ"ה זצוקללה"ה מקאזניץ; אלעזר שלמה בהרה"ק מוהר"א זצוק"ל מקאזמיר; אלעזר סג"ל מישעל אבדפה"ק טורקי והגליל; אלי' ליפשיץ חופ"ק גריצא; אלטר עזריאל מאיר איגר מלובלין; אהרן פערלאוו בהר"י ז"ל מסטאלין; אברהם נתן עלבערג אבד"ק בלאשקי והגליל; ארי' לייבוש הכהן אבד"ק לובאמלי; אהרן נפתלי זאוולאדאווער מו"צ בווארשא; אלי' באמבאך אבד"ק האלעשיץ והגליל; בי דינא דק"ק קראקא: משה שמואל בלייכער, ראב"ד; ברוך יצחק ישכר הלוי אבד"ק פולטוסק; דוד בהגה"ק מסאכטשוב; דוד בער אבד"ק אוזרקוב; זלמן סאראצקין אב"ד דלוצק; חיים עוזר גראדזינסקי מווילנא; חיים אשר מראדאשיץ; חיים ירחמיאל טאהב מזוואלין; חנוך גד בהרה"ק מפילץ אבד"ק ווילאהן; חיים מרדכי ברוינראט אבד"ק טשעכנוב והגליל; חיים יהושע גוטשעכטער מועד הרבנים דווארשא; חיים פוזנער מועד הרבנים דווארשא; חנוך צבי הכהן אבד"ק בענדין והגליל; טובי' הורוויץ אבד"ק סאניק; טובי' גוטנטאג אבד"ק סוכטשין; יצחק זעליג מקאצק אבד"ק סאקלוב; יהושע עזיאל באמו"ר זצ"ל ממארקשוב; ירמי' קאליש בהרה"ק זצ"ל מאמשנוב; יהושע אשר מאטוואצק (פאריסאוו); יצחק מנחם מענדיל בהרה"ק זצ"ל (אלכסנדר); יחזקאל הלוי באאמו"ר זצ"ל מאוסטראווצי; ישראל שפירא (גראדזיסק); יצחק ציף אב"ד דתו"ה לבוב והגליל; יוסף בהרה"ק זצ"ל מאמשינוב; ישראל יצחק בהרה"ק מסקרענעוויץ; יצחק יהודא יחיאל אייזיק לעווארטוב חופ"ק קראקא; יוסף יצחק שניאורסאהן (ליובאוויטש); יהודא ליב פיין אב"ד מסלאנים והגליל; יצחק מאיר קאנאל מועד הרבנים דווארשא; יעקב מאיר בהגר"ב בידרמאן (ווארשא); יעקב זילברשטיין בועד הרבנים דווארשא; ישראל הלוי שטיינבערג אבד"ק יארסלב והגליל; ישראל יחיאל פרידלינג אבד"ק זאקשעוויק והגליל; יחיאל מאיר סאגאלאוויץ אבדק"ק מלאווא והגליל; יצחק סרעבניק אבדק"ק זאקראטשין; יעקב מנחם מענדיל מארגנשטערין אבד"ק ווענגרוב; ישראל יוסף לויא אבד"ק קאלומעא והגליל; יהושע בר"ש פלאטא אבד"ק וואליע בווארשא; יחיאל הלוי קעסטענבערג אבד"ק ראדים והגליל; יהושע העשיל אבד"ק שעפס והגליל; ירחמיאל נח אבד"ק ראווא מאז'; ישראל לעוורטוב חופ"ק ביעליץ-ביאלא; משה במו"ה שלום יוסף זצ"ל (באיאן קראקא); מאיר שלום שצעדראוויצקי חופ"ק ביאליסטאק; מנחם מענדיל בהה"ק (סטריקאוו); משה מרדכי בהרה"ק זצ"ל (טריסק); מנחם דוד בהרב הק' זצ"ל מקאזמיר; מנחם זעמבא מפראגא; משה יהודא בהרה"ק זצ"ל מקאזמיר; מרדכי באאמו"ר זצ"ל מבעלזא חופ"ק בילגורייא; משה חיים לויא אבד"ק פרעשוב; מרדכי חיים סאקאלאווער אבד"ק הארזיל; משה מיכל הכהן מו"צ בווארשא; עקיבא הכהן ראפפורט רב בדאנציג; קלונימוס קלמיש בהרה"צ מוהר"א מפיאסעצני; ראובן זעהמאן אבד"ק אטוואצק והגליל; ראובן יהודא נייפעלד אבד"ק נאווידוואר והגליל; ראובן געלערינטער אבד"ק ראדימישלא א"ס; שלמה דוד כהנא בועד הרבנים דווארשא; שאול ידידי' אלעזר בהרה"ק מוהר"י ממאדזיץ; שמואל שלמה

ליינער בהרהגה"ק זצ"ל מראדזין; שלמה הערץ אבד"ק בארשטשיב והגליל; שמואל הלוי ברויט אבד"ק טומשוב מאז'; שרגא פייביל הלוי ווילניג אבד"ק בוטשאטש והגליל; שם קלינגבערג בהרה"צ זצ"ל מזאלעשין; שמחה געלערינטער אבד"ק קלימנטוב והגליל; שלמה מערקער אב"ד דאכאטא בווארשא.

צווישן די אונטערגעשריבענע טרעפן מיר אן די נעמען פון די גרעסטע גדולי ישראל בימים ההם, די מנהיגי ישראל פונעם פוילישן, רוסישן און ליטווישן אידנטום.

## די סיבה פאר די קול קורא

וואס אזוינס האט דעמאלט פאסירט אז ס'האט זיך אויסגעפעלט אזא קול קורא?

אין די פריערדיגע צייטן, און אפילו יענע צייטן אין אנדערע לענדער, האט זיך יעדער באשטעלט די פאר תפלין ביים סופר פון שטעטל, וועמען מ'האט געקענט אלס אן אויסגערופענער ירא שמים מרבים, און אלס גוט באקאנט אין די הלכות וואס ער דארף צו קענען.

דער סופר האט בימים ההם אדער אליין פאבריצירט די פארמעט, די בתים און די רצועות, אדער האט ער זיי באשטעלט ביי אן אנדערן סופר וועמען ער האט גוט געקענט, און איז אויך געווען באקאנט פונקטליך מיט די ארבעט וואס יענער האט געטאן.

דער מושג פון "גרויס-האנדלעריי", איינצוקויפן פון א סך סופרים, און איין סופר פונעם אנדערן, פון נאנט און פון דער ווייט - האט נישט עקזיסטירט אין דער אלטער היים.

אין יענע צייטן, בעפאר דער "קול קורא" איז געשריבן געווארן, אין די לענדער פון פוילן ליטא און רוסלאנד, איז "סת"ם" געווארן א צענטראליזירטער ביזנעס, א האנדל-וואנדל וועלכע האט צירקולירט אין די דערמאנטע לענדער. ס'האבן זיך געמאכט אין געוויסע שטעט גרופעס מיט סופרים, וועלכע האבן כסדר געשריבן נאך און נאך ספרי תורה תפלין און מזוזות, נישט פאר דעם שכן זיינעם מיט ווענען ער קען זיך פון דער נאנט, יענע האבן אים אפילו נישט געטרויעט, נאר אויף צו פארקויפן פאר א סוחר וואס האט א סך קאסטומערס, און קויפט איין א סך סחורה מיטן ציל צו פארקויפן ווייטער.

ווען איינער פארקויפט א סך סחורה, קען ער אויטאמאטיש נישט נאכגיין יעדן איינעם פון וועמען ער באקומט די סחורה, צו וויסן צי יענער איז באגלייבט, און פונקטליך וואס יענער טוט.

דער דאזיגער טויש אין צוגאנג צו תפלין און מזוזות, האט נישט געשפעטיגט צו ברענגען ערנסטע פראבלעמען אין אלע ענינים וואס זענען נוגע סת"ם. סיי לגבי שרייבן, ווען ס'זענען געזיצן גרופעס פורקי עול אין סלאנים און האבן אפגעשריבן טויזנטער פסול'ע ספרי תורה, תפלין און מזוזות, וועלכע זענען דערנאך פארשפרייט געווארן אויף דער גאנצער וועלט; און סיי לגבי פארמעט מאכעריי, וועלכע איז אויך געווארן אן אינדוסטרי, אין דער שטאט "וועגנראווע" איז דאן געווען א גרויסער פאבריק וואס האט אויסגעארבעט פעל פאר פארמעט.

ס'איז פארשטענדליך אז ווען א געוויסער פראדוקט ווערט פראדוצירט אין א גרויסן פארנעם, קען זיך מאכן א סך שאלות, און אויב ס'איז נישט איינגעשטעלט א סיסטעם אונטער א פארלעסליכע השגחה, דארף מען גרויס רחמים אז די אלע שאלות זאל ווערן געוואנדעט צו א מורה הוראה.

יעדעס מאל וואס ס'פאסירט אזא שאלה, איז א שווערע זאך פאר א בעל הבית צו נעמען ערנסט דעם פראבלעם, וויבאלד ביי רוב שאלות איז די רעדע פון א גרויסע געלט שאדן, אויף וואס דער אייגנטימער וועט שווער מוותר זיין. - אויף דעם איז געווען געצילט די דאזיגע ארגאניזאציע, צו פארזיכערן אז די ענינים פון סת"ם ווערן נישט פארנאכלעסיגט, און ווערן אפגעהיטן על צד היותר טוב.

## דער מצב היינט איז נישט בעסער

ביים גרויסן חורבן פון די צווייטע וועלט-מלחמה, זענען ליידער רוב פון די דאזיגע גדולים אומגעקומען על קידוש ה' הי"ד, און דערמיט האבן זיך אויך געשלאסן די פונקציעס פון "שומרי סת"ם" - אבער די פראבלעמען צוליב וואס די "שומרי סת"ם" ארגאניזאציע איז נתיסד געווארן, זענען בכלל נישט פארמינערט געווארן. און נישט נאר זיי זענען נישט פארמינערט געווארן, זיי זענען אויך פיל געוואקסן סיי בכמות און סיי באיכות.

אנשטאט דעם וואס דער פראבלעם איז דעמאלט געווען נאר אין די דערמאנטע מדינות, איז עס נאכן וועלט-קריג געווארן אקטועל אין אלע פלעצער וואו אידן וואוינען; וויבאלד אידן וואוינען היינט איבעראל אין גרעסערע קאנצעטראציעס, און סופרים קענען פארקויפן פיל מער תפלין און מזוזות ווי זיי קענען אליינס שרייבן, איז עס שוין א פונקט פאר האנדל-וואנדל אויפן גרויסן פארנעם. א גענוגענדע סיבה פארוואס מורא צו האבן.

אויך צוליב דעם וואס די קאמיוניקאציע מיטלען זענען היינט זייער פארגעשריטן, און מ'קען באשטעלן תפלין אין דער אנדערער עק וועלט, און ס'זאל אריבערגעברענגט ווערן אהער אין בלויז געציילטע טעג, ממילא איז כסדר גרעסער געווארן דער

אויסלענדישער האנדל, וואס דאס האט נאכגעברענגט געפערליכע פראבלעמען אין כשרות פון סת"ם.

## זהירות ווען מ'באשטעלט ביים סופר

ביי דעם באקאנטן "כינוס כללי" פון "התאחדות הרבנים" אין יאר תשכ"א, האט דער נשיא און גרינדער פון התאחדות הרבנים, כ"ק אדמו"ר הקוה"ט מסאטמאר זצוקללה"ה, שטארק געשטורעמט אויף די ערשיינונג, אז תפלין און מזוזות ווערן געשריבן אן קיין אויפזיכט, וואס זאל מברר זיין אז אלעס ווערט געטאן כדת וכהוגן, אזוי ווי די הלכה פארלאנגט.

דער "קול שאגת ארי" מנהמת לבו הטהור פון דעם גרויסן צדיק וקדוש האט געטאן דאס זייניגע, און האט געברענגט א גאר שטארקער פארבעסערונג אין אלע הינזיכטן פון סת"ם. און אויך אין דעם איינעם פרט פון פארמעט, זענען ב"ה אויך שוין פארקומען אינעם "עבר" פילע פארבעסערונגען. אבער ס'זענען דאך היינט פארהאנען א גענוג גרויסער צאל פאבריקן, וועלכע פאבריצירן אין גרויסן פארנעם פאר חרדישע אידן, אויף וועמען ס'איז ליידער נישטא קיין שום השגחה.

עס זענען געטאן געווארן די נויטיגע שריט דורך פארשידענע שטרעמונגען. צי דורך דער ארגאניזאציע "וועד משמרת סת"ם" בנשיאות הגאון האדיר בעל "שבט הלוי" שליט"א, וועלכע האבן מיט קרוב צו 30 יאהר צוריק אריינגעלייגט גרויסע כוחות זיכער-צו-מאכן אז יעדער סופר זאל דורגיין א א פארהער אויף זיינע ידיעות אין די פילע און הארבע הלכות פון סת"ם, וואס טייל פון זיי קען מען קיינמאל נישט בודק זיין לאחר כתיבה, און קריגן א "כתב קבלה" פון א בי"ד אדער באקאנטע רבנים וואס זענען מומחים אין די שווערע מקצוע. אויך האבן אסאך געטען דערין דער "ועד מפקחי סת"ם" פון די "עדה החרדית".

בלויז אין דעם הינזיכט פון "השגחה" אויף "עיבוד" האט דער "ועד משמרת סת"ם" זייער א סך אויפגעטאן, ווען זיי האבן געברענגט אין יאהר תשמ"ד דעם גאנצער אינדוסטרי פון "רצועות" אונטער א השגחות בית דין.

ס'האט זיך דעמאלט געהאנדלט פון א גרויסער לעדער פאבריק (טענערי) צווישן בני ברק אין פתח תקוה, וואו דארט פלעגן רוב היימישע סוחרים פראדוצירן כמעט רוב רצועות וואס דער ציבור האט גענוצט, אהן קיין השגחה. דער יו"ר פון "ועד משמרת סת"ם", הר"ר דוד ליב גרינפעלד הי"ו איז דעמאלט אריבער אויף א באזוך אינעם פאבריק, און האט דארט אנגעשריבן א קלארן רעפארט פון אלע פרטים וואס ער האט דארט געזען. ווען הגאון האדיר בעל "שבט הלוי" שליט"א האט אפגעליינט דעם רעפארט, איז עס שווארץ געווארן פאר די אויגן. ער האט עס ממש נישט געקענט גלויבן. ער האט געלאזט רופן הר"ר דוד ליב, און עס געפרעגט צו די רצועות ווערן געניצט אויף ביי חרדישע אידן. ווען ער האט געהערט דעם ביטערן אמת, האט ער האט געפסק'נט אז אפילו "בשעת הדחק" איז א גרויס צריך עיון צו מ'קען מכשיר די רצועות... צו מארגענס האט הר"ר דוד ליב ארגאניזירט 6 חשוב'ע מורי הוראות פון בני ברק, וואס זענען אראפ געפארן אין פאבריק צו זעהן וואס פאר א תיקונים איז שייך דארט מסדר צו זיין, און דערנאך ווי אלעס איז קלאר געווארן, אין דער סוחר האט מסכים געווען מקבל זיין השגחה, האט הר"ר דוד ליב איבערגעגעבן דעם רעפארט מיט אלע פרטים צו הגאוה"צ דער בד"ץ פון עדה החרדית אין ירושלים, אין אזוי איז מסודר די ערשטע השגחת בי"ד אויף רצועות מיט 21 יאהר צוריק.

ס'איז כדאי אנצואווייזן, אז אין פעלד פון רצועות פון תפילין איז דער מצב פיל בעסער, עס ווערן כמעט נישט פארקויפט אזעלכע רצועות וואס זענען נישט עבודת יד אונטער א השגחה מעולה, און ס'איז צום האפן אז לגבי פארמעט וועט זיך אויך איינגעבן דאס אייגענע, אז קיין שום פארמעט וועט נישט ווערן פארקויפט נאר אויב עס איז אונטער א השגחה מעולה, אז עס איז "לשמה".

אלענפאלס, יעדער איד דארף זיין געווארנט ווען ער באשטעלט סיי וועלכע פון די צרכי סת"ם, אז ער זאל לייגן א דגוש, צו וויסן קלאר אויף וועלכע פארמעט די סת"ם ווערן געשריבן. דערפאר איז א פליכט אלעמאל צו פרעגן דעם סופר, די פשוטע און דורכדרינגליכע פראגע: אויף וואספארא פארמעט ווערט געשריבן מיין מזוזה? תפילין? און אודאי ספר תורה? - און ח"ו נישט נעמען קיין זאך וואס האט נישט קיין השגחה, ווען ס'קען זיין פראסט און פשוט פסול, לויט אלע דעות.

## די וואכזאמקייט פונעם ציבור ביים איינקויפן סת"ם

גלייכצייטיג ווערט איבערגעגעבן, דאס די כסדר'דיגע דערמאנונגען און אויפפאדערונגען פון די חשוב'ע רבנים שליט"א אויף דעם ענין אז פארמעט דארף ווערן אויסגעארבעט "לשמה", האט געשאפן א שטארקן אפעקט אויפ'ן ציבור יראים ושלימים; דער ציבור איז געווארן וואכזאם, און גיט שוין היינט מער אכטונג - ביים קויפן נייע תפילין און מזוזות, צו וויסן פונקטליכע דעטאלן וועגן די פארמעט אויף וואס די סת"ם ווערן געשריבן.

וואס מ'דארף צום וויכטיגסטנס אינזינען האבן בנוגע פארמעט איז: "ווער" ס'נעמט אויף זיך דעם אחריות אז דער פארמעט איז כשר - דאס איז וויכטיג צו וויסן סיי ווען מ'זוכט פשוט'ע קלף, כשר לויט טייל פוסקים, און אודאי ווען מ'וויל יוצא זיין די שיטות פון רוב פוסקים.

לגבי דעם עצם ענין פון "לשמה" איז נישט קיין שום מחלוקת, נאר ס'איז א חיוב מעיקר הלכה לויט אלע פוסקים. אויב פארמעט איז נישט געווארן אויסגעארבעט "לשמה", מעגן די פרשיות געשריבן ווערן דורכ'ן חשוב'סטן סופר, און מיט'ן שענסטן כתב, און זענען גארנישט מער ווערט ווי א ליידיג שטיקל פאפיר.

"מצות תפלין" איז דער קשר צווישן אידישע קינדער לאביהם שבשמים; ווען מ'לייגט תפלין אויפ'ן קאפ, ברענגט מען אריין אין געדאנק די ווערטער פון די ד' פרשיות, וואס רעדן איבער דעם אידנ'ס שייכות צו השי"ת, און וויאזוי השי"ת האט אונז אויסדערוועלט צו היטן זיינע מצוות, און ווען מ'לייגט תפלין אויף דער האנט אקעגן הארץ, בינדט מען צו דאס הארץ צו די הייליגע ווערטער - אט דאס איז גורם אז א מענטש זאל זיך פירן לויט ווי השי"ת האט באפוילן.

יעדער איד דארף יעדן טאג האבן אויף זיך צוויי אותות, צוויי צייכענעס וואס סימבאלידירן אידישקייט; אויסער דער צייכן פון "מצות מילה", מוז א איד האבן אויף זיך אויך א צווייטע צייכן, דער צייכן פון "שבת" אדער "יום טוב", אדער דער צייכן פון "מצות תפלין". דאס איז אונז א מוסר השכל, אז פונקט ווי ס'איז וויכטיג אז דער שבת זאל געהיטן ווערן ערליך, פונקט אזוי איז וויכטיג אכטונג צו געבן אז די תפלין זאלן זיין כשר.